Yosefish, Fayvl.
Ver iz der doctor: komedye in eyn akt.
In: Teater-gan-eydn : ale shlagers fun "Sambatayon".
Varshe, 1930. Bd. 1.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1903.19

Yosefish, Fayvl, 1893-
Ver iz der doctor: komedye in eyn akt.
In: Teater-gan-eydn : ale shlagers fun "Sambatayon" : reper.tuar aynakters, komedies, monologn un farsn.
Varshe :Farlag "Kleyn-Kunst", 1930. Bd.1.
Pp. 42-57.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Poland-Warsaw

ID : NXYH01-B1851 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /3527

Reduction ratio X 10.0

מאַנקע (אַריינלויפענדיק פון בייכלזאָנס צימער): **פעליקס!..**
פעליקס!... ווו איז די וואַרעמפלאַש? (זעט אים אַ שלאָפנדיקן, וועקט אים) פעליקס!..

פעליקס (פאַרשלאָפן): האַ? וואָס, אַ קאָמפּרעס? אַ קאַלטן קאָמפּרעס?

מאַנקע: וואָס פאַראַ קאָמפּרעס? די וואַרעמפלאַש וואָס איר האָט טראָגט אַריין פאַרן הער.

פעליקס: וואַרעמע קאָמפּרעסן... קאַלטע פלאַש...

מאַנקע: שלאָפקופּקע! הייבט זיך אויף; דער הער וואַרט שוין אַ שעה צייט. ער זידלט זיך — אַ שרעק.

פעליקס: ער זידלט זיך, ווען זידלט ער זיך נישט, מיך זידלט ער! און איך בין אַזוי ליידנט... (גענעצט) האַ..

מאַנקע: איר ליידנט... כאַ, כאַ, כאַ...

פעליקס: איר קענט זיך לאַכן, אָבער ווען איר זאָלט פילן מיין טעם. אָט אַ שטייגער (גענעצט צעצויגן) שלעפערט מיך אַה... איך שטיי קוים אויף די פיס. (פאַלט צוריק אויפן שטול).

מאַנקע: און דאָס הייסט ביי אייך ליידן?

פעליקס: געוויס, כסדר לייד איך: אָדער ס'שלעפערט מיך, אָדער ס'הונגערט מיך. פונקט אַזוי ווי אונדזער הער.

בייכלזאָן (פון אונטער די קוליסן): פעליטס! די וואַרעמפלאַש! צו אַלדע גוטע יאָר, די וואַרעמפלאַש!..

פעליקס: די מינוט שוין (צו מאַנקע) איר הערס אַ געשריי? און אַזוי אַ גאַנצע נאַכט. קיין אויג פאַרמאַך איך נישט. פעליקס די וואַרעמפלאַש, פעליקס צערייב מיר אַ האַנט, פעליקס אַ פוס, פעליקס אַ קאָמפּרעס, פעליקס עסן, פעליקס טרינקען (מאָטאָריש) פעליקס... פעליקס... פעליקס... און

ווער איז דער דאָקטאָר?

(קאָמעדיע אין איין אַקט)

פריי באַאַרבעט
נאָך א. פרערדרע

פ אַ ר ש ו י נ ע ן:

בייכלזאָן
ראָזע — זיין טאָכטער.
מאַנקע — שטוב־מיידל.
פעליקס — דינער.
שטיינבערג — שדכנט זיך צו ראָזען.
וואַקסמאַן — בייכלזאָנס פלימעניק.
ד"ר **איכזעלבסט.**

(**סצענע**: גאַסט־צימער באַ בייכלזאָן; רעכטס אַ טיר אין קוך; אין אינטערגרונט די איינגאַנג־טיר; לינקס אַ טיר אין שלאָפצימער, אַ טישל, צוויי שטולן. לעבן טיר פון שלאָפצימער שלאָפט פעליקס אין אַ וויגשטול).

טאָמער איז עפּעס נישט אין אָרדענונג—איז באַלד אין די צ״ין אַריין, ווי נעכטן אַ שטייגער...

מאַנקע (איבעררייסנדיק): איז ער נישט געווען גערעכט? אַז הייס זאַלץ, לייגט איר צו צו דער פּלייצע? -- ס'האָט דאָך אים ס'לייב אָפּגעברענט.

פעליקס: פונוואַנען זאָל איך וויסן ווי הייס דאָס זאַלץ איז, כ'האָב דען אַ גראַד אין די פינגער? און אַז ער בריט זיך אָפּ און שפּרינגט אין דער לופטן, באַדאַרף ער מיר צושלאָגן? איר הערט, פריילן מאַנקע? נישט אויסצוהאַלטן, אַ לאַדע טאָג שטאַרב איך אַוועק...

מאַנקע: רעדט נישט אַזוי, פעליקס! וואָרן כ'האָב מורא פאַרן טויט.

בייכלזאָן (פון אונטער דער בינע): פעליקס! הונט איינער... דו ברעגנסט די וואַרעמפלאַש אָדער כ'שפּאַלט דיר דעם מוח.

פעליקס (רירט זיך נישט): איר הערט, ער שפּאַלט מיר דעם מוח (שרייט אַריין) שוין... שוין...

בייכלזאָן: די וואַרעמפלאַש חזיר איינער!.. כ'דערשטיק דיך!

פעליקס: אָט וואַרעם איך זי אָן! (צו מאַנקע) אָבער איר האָט געהערט, ער דערשטיקט מיך.

ראָזע (קומט אַריין פון שלאָפצימער): פעליקס, שנעלער! איר הערט דען נישט, אַז דער פאָטער רופט אייך, ער ווערט דאָך אומגעדולדיק.

פעליקס: אָט גיי איך דאָך. אָט שוין... שוין (אָפּ).

ראָזע: די מאַמאַ שלאָפט?

מאַנקע: זי האָט מיך נאָך נישט גערופן.

ראָזע: און דער טאַטאַ איז אַזוי קראַנק.

מאַנקע: איר ווייסט פריילן ראָזע, וואָס דעם פאָטער אייערן האָט פאַרשאַדט?

ראָזע: וואָס צומבייישפּיל?

מאַנקע: דאָס וואָס ר'האָט נעכטן פאַרן שלאָפן־גיין צופיל געגעסן.

ראָזע: וואָס האָט ער דאָס געגעסן?

מאַנקע: דערמאָנט זיך נאָר גוט: מאַרינירטע הערינג, פלייש מיט זויערקרויט, פעטן מייערן צימעס, אַ געפילטע קישקע, אַ האַלבע גאַנז און...

ראָזע: אָבער אונזער פאַרשטאָרבענער דאָקטאָר האָט דאָך אים נישט פאַרבאָטן צו עסן?

מאַנקע: דער דאָקטאָר אַליין האָט אויך ליב געהאַט צו עסן, האָט ער געמוזט זעען ס'זאָל זיין אַ סאַך.

בייכלזאָן (פון אונטער די קוליסן): געוואַלט! פאַרברענסט מיך!

פעליקס: לאָזט מיך אָפּ! אוי לאָזט מיך אָפּ! (אַ טומל אין שלאָפצימער בייכלזאָן און פעליקס פאַלן אַריין דער לעצטער אָפּ אין קוך)

ראָזע: וואָס איז, וואָס האָט ער דיר געטון, פאַפאַ?

בייכלזאָן: אַזאַ בהמה! וואָס ער האָט געטון? געבראָטן האָט ער מיר! געבראָטן! אוי, אוי, און איצט גיי איך שלאָפן. אַז דער דאָקטאָר וועט קומען, זאָלט איר מיך אויפוועקן (אָפּ).

ראָזע (קוקט אויפן האַנט־זייגערל): וואָס קען עס זיין? וואָס דער דאָקטאָר איז נאָך אַלץ נישטאָ?

מאַנקע: ער איז דאָך אַ נייער דאָקטאָר. אַ נייער דאָקטאָר האָט שוין אַזאַ טבע — שטענדיק פאַרשפּעטיקט ער זיך.

ראָזע: אודאי איז שווער זיך צוצוגעוויינען צו אַ נייעם דאָקטאָר.

מאַנקע: אָדער דער נייער איז אַ בעסערער דאָקטאָר ווי דער פאַרשטאָרבענער.

ראָזע: ס'קאָן זיין. אָבער דער פאַפאַ האָט צו יענעם געהאַט מער גוטרוי.

מאַנקע: האָ, האָ! שוין צופיל צוטרוי (אַפּאַרט) ר'האָט דאָך אים געגלויבט, אַז ער איז קראַנק. מיין באַלעבאָס איז קראַנק! (אַ טומל אונטער דער בינע, מאַנקע קוקט אַרויס דורכן פענסטער, אויסרופנדיק) פריילן! פריילן דער דאָקטאָר! ווי יינג ער איז, ווי שיין — נאָר צו פאַרליבן זיך אין אים. ער וואָלט פאַר אייך געווען אַ זעלטענער מאַן.

ראָזע (אומעטיק): וואָס פלוידערסטו דאָרט!

מאַנקע: איך לויף אַרויס אים אַריינצורופן.

ראָזע: יינג — שיין! און איך בין אַזאַ אומגליקלעך מיידל!.. וואָס וועט זיין מיין סוף?...

מאַנקע: ביטע הער דאָקטאָר. אָט דאָ אַריין הער דאָקטאָר.

שטיינבערג: איך דאַנק, אָבער איך בין דאָך נישט...

מאַנקע: דערלויבט ה' דאָקטאָר, דאָ איז ס'פריילן, ה' דאָקטאָר. (אָפּ)

שטיינבערג (באַמערקט ראָזען): אַ, פריילן ראָזאַ. וואָס פאַראַ גליק.

ראָזע: וואָס? איר הער שטיינבערג!.. אָ, מיין גאָט!

שטיינבערג (קושט איר די האַנט): פריילן... אַך, פריילן ראָזאַ, וואָס זענט איר אַזוי אויפגערעגט?

ראָזע: אַנטשולדיקט. אָבער אייער קומען אַזוי פלוצלינג...

שטיינבערג: איר האָט גערעכנט, אַז איך וועל נישט האַלטן וואָרט?

ראָזע: ניין, כ'האָב נישט געצווייפלט. נאָר ווען מיר האָבן זיך מיט אַ האַלב יאָר צריק, ס'לעצטע מאָל געזען, האָט איר מיר געזאָגט, אַז איר וועט ערשט קומען ווען איר וועט האָבן אַ געזיכערטן פּאָסטן.

שטיינבערג: און דאַן וועט איר בעטן ביי אייערע עלטערן די דערלויבעניש, אַז דו זאָלסט מיט מיר חתונה האָבן. אמת?

ראָזע: יאָ, נו?

שטיינבערג: נו... און אָט האָב איך ענדלעך אַזאַ פּאָסטן. כ'בין אינזשיניער באַ אַן ערשטקלאַסיקער פירמע און האָב אַ זייער נרויסן געהאַלט.

ראָזע: אָבער...

שטיינבערג: וואָס אָבער?..

ראָזע: אייער האָפענונג איז אַ פאַלשע, וואָרן מיין פאָטער וויל מיך נאָר פאַרהייראַטן מיט אַ דאָקטאָר.

שטיינבערג: דאָס איז דאָך אַ משוגעת! אָ פאַרדאָן, פאַרדאָן!..

ראָזע: ער איז אַ קראַנקער מענש וויל ער דורכאויס האָבן אַ דאָקטאָר פאַר אַן איידעם.

שטיינבערג: מוז איך זיך אַלזאָ אָפּזאָגן פון אַלע מיינע האָפענונגען?

ראָזע: וואָס קאָן איך טון? איך מוז פאָלגן מיין פאָטער. איך קען נישט חתונה האָבן קעגן זיין ווילן און אַזוי ווי איך ליב דאָך דיך — וועל איך אינגאַנצן נישט חתונה האָבן...

שטיינבערג (נעמט איר האַנט, קושט זי): ראָזאַ, מלאך מיינערן ניין, דו מוזט זיין מיינע! איך בלייב דאָ און וועל בעטן באַ דיין פאָטער, איך וועל פאַר אים קניען, כ'וועל פאַר אים וויינען...

ראָזע: וואָס טוט זיך מיט דיר? מיין פאָטער איז אַ קראַנקער און דערפו אַ גרויסער עקשן. ער וועט זאָגאַר מיט דיר נישט וועלן רעדן.

שטיינבערג: נישט רעדן זאָגסטו?

ראָזע: ער איז אַזוי קראַנק, אַז מיר וואַרטן יעדן אויגנבליק אויפן דאָקטאָר איכזועלבסט.

שטיינבערג: איכזועלבסט... איכזועלבפט... נישט אַמאָל דער דאָקטאָר איכזועלבסט פון קראַקע?

ראָזע: יאָ.

שטיינבערג: בראַוואָ, גוט, אויסגעצייכנט! וועסט זען די וועסט נאָך זיין מיינע...

ראָזע: וואָס וועסטו טון? ווי אַזוי? איך הויב דיך נישט אָן צו פאַרשטיין.

שטיינבערג: שווייג! אויב דו האָסט מיך ליב זאָלסטו אַלצדינג פאַרשווייגן. וועסט זען ס'וועט שוין זיין גוט. דו וועסט מיך פאָרשטעלן אַלס דער ד"ר איכזועלבסט און אויפן איבעריקן זאָלסטו זיך שוין פאַרלאָזן אויף מיר.

(פון אונטער דער סצענע הערט מען בייכלזאָנען שפייען און הוסטן)

ראָזע (כאַפּט זיך): דער פּאַפּאַ קומט דאָך שוין אָן.

בייכלזאָן (קומט אַריין): מאַנקע זאָגט... ע, אַז דער ד"ר איכזועלבסט איז געקומען. ע... ע... ווו איז ער?...

שטיינבערג: איך האָב די ערע... (שטעלט זיך פאָר) דאָקטאָר איכזועלבסט.

בייכלזאָן: ס'פרייט מיך זייער צו באַקענען זיך מיט אַזאַ באַרימטן דאָקטאָר. ראָזאַ! ברענג אַריין ס'קישעלע. (ראָזע טוט עס) איר קומט גראָד צו דער ריכטיקער צייט ה' דאָקטאָר. כ'האָב זיך געשראָקן איר זאָלט נישט קומען צו שפּעט.

שטיינבערג: וואָס רעדט איר?

ראָזע: פילסטו זיך אַזוי שלעכט, פּאַפּאַ?

בייכלזאָן: וואָס מישסטו זיך אַריין? (שוואַך) איך בין קראַנק. זייער קראַנק, ה' ד"ר... איך וועל אודאי באַלט שטאַרבן.

שטיינבערג: וואָס פעלט אייך איין?

ראָזע (צו שטיינבערגן): דער פּאַפּאַ שפּאַסט נאָר...

בייכלזאָן: וואָס טוסטו דאָ? וואָס מישסטו זיך אַריין ווען איך באַראַט מיך מיטן דאָקטאָר. גיי אַריין צו זיך אין צימער איך מוז דאָ רעדן מיטן דאָקטאָר אונטער פיר אויגן

(ראָזע אָפּגייענדיק, ווינקט זיך איבער מיט שטיינבערגן)

בייכלזאָן: ווי געזאָגט הער דאָקטאָר איז מיר ביטער, זייער ביטער.

שטיינבערג (געווענדט צו ראָזע): מיר וועלן נאָך זען...

בייכלזאָן: כ'האָב נישט קיין אַפּעטיט... ס'הייסט צו ביסלעך עס איך טיילמאָל עפּעס... נאָר כ'קאָן נישט זאָגן אַז ס'שמעקט מיר... איך עס איין מאַכל... אַ צווייטס.

שטיינבערג (פאַרגעסט זיך): אַ דריטס...

בייכלזאָן: טיילמאָל אַ פערטס נאָר אָן אַפּעטיט. כ'זאָג אייך ממש אָן שום אַפּעטיט.

שטיינבערג: טאַקע?

בייכלזאָן: וואָרן איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז אַלס קראַנקער..

שטיינבערג; יאָ איך פאַרשטיי, כ'פאַרשטיי...

בייכלזאָן; אַלס קראַנקער טאָר איך קיין סאך נישט עסן.

שטיינבערג; פאַרשטייט זיך. מילא, איך הער דאָך שוין, אַז איר עסט גאָרנישט און טרינקט גאָרנישט.

בייכלזאָן: אמת? דאָס זאָג איך דאָך טאַקע. קומט, לאָמיר אַריינגיין צו מיר אין צימער ס'יאָגט אַ ווינט פון פענצטער. הער דאָקטאָר גיט מיר אַ האַנט — איר זעט דאָך, אַז איך קאָן מיך קוים רירן. (ביידע אָפּ)

(וואַקסמאַן קומט אַריין דורכן הויפּט־איינגאַנג; פון קוך־טיר באַווייזט זיך פעליקס)

פעליקס (דערזעט וואַקסמאַנען); אַ גוטמאָרגן ה' דאָקטאָר.

וואַקסמאַן; דאָקטאָר? וואָס פאַראַ דאָקטאָר?

פעליקס; אָט מיין הער וואַרט שוין אויף אייך אַזוי לאַנג; ער קען אינגאַנצן נישט עסן.

וואַקסמאַן; אָבער ווער זענט איר דען?

פעליקס ; איך? פעליקס — פעליקס אויבערקאָמערדינער ביים הוני־
געריקן הער בייכלזאָן.

וואַקסמאַן ; שאַ... און געלט פאַרדינען ווילסטו.

פעליקס ; אוי, ה' דאָקטאָר איך בין אַזוי ליידנט, ה' דאָקטאָר.

וואַקסמאַן ; אָבער ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך בין אַ דאָקטאָר?

פעליקס ; הע. הע, אודאי ווייס איך. איר זענט דאָקטאָר איכ־
זעלבסט פון קראָקע, פאַרוואָס זאָל איך נישט וויסן?

וואַקסמאַן ; זאָגושע נאָר דו, ווי הייסטו... באַלט...

פעליקס ; פעליקס אויבערקאָמערדינער...

וואַקסמאַן ; אַ, יאָ, פעליקס, דער דאָקטאָר איז נאָך נישט גע־
קומען?

פעליקס ; און איר זענט נישט ד"ר איכזועלבסט?

וואַקסמאַן ; שווייג! הער מיך אויס... איך הייס וואַקסמאַן. בייכל־
זאָן איז מיינער אַ פעטער. און איך ברויך מיר מיט אים
איבערבעטן. נאָר ער טאָר פאַרלויפיק נישט וויסן ווער איך
בין ווייל ער וועט מיך אַרויסוואַרפן... פאַרשטייסט? —
קריגסטו פון מיר אַ צענער זלאָט און שטעל מיך פאַר אים
פאַר אַלס דאָקטאָר איכזועלבסט און דערנאָך וועל איך זיך
שוין אַן עצה געבן. נאָר זאָלסט וויסן וואָס דו האָסט צו
טון.

פעליקס ; גוט, אָבער איר וועט מיר פאַרשרייבן אַ רעצעפט. איך
בין דאָך אַזוי ליידנט. האַ... (גענעצט)

וואַקסמאַן ; נו, גיי שטעל מיך פאָר.

פעליקס ; אָט לויף איך, אָט גיי איך. (אָפּ)

וואַקסמאַן ; און יעצט וועט גיין אַן ארבעט.

(בייכלזאָן און פעליקס קומען אַריין)

בייכלזאָן ; אָבער דאָס איז דאָך אומעגלעך. וואָס פאַראַ בהמה
דאָס איז, ד"ר איכזועלבסט איז דאָך שוין דאָ.

פעליקס ; האָ? שוין דאָ? הער וואַ... וואַקס... וואָס טוט מען.

וואַקסמאַן ; ד"ר איכזועלבסט? אָבער איך זעלבסט בין דאָך אויך דאָ.

בייכלזאָן ; צוויי ד"ר איכזועלבסט פון קראָקע?

וואַקסמאַן : ע, ע... איך בין דאָך ד"ר לעמבערג פון קראָקע...
כ'מיין ד"ר קראָקע פון לעמבערג. וויל איך זאָגן ד"ר לעמבערג
פון...

פעליקס ; ק ר אָ ק ע.

בייכלזאָן ; וואָס, די בהמה איז אויך דאָ?

פעליקס ; איר הערט, איך בין אַ בהמה. (גייט אַרויס)

וואַקסמאַן ; איך בין ד"ר בייכלזאָן פון לעמבערג!

בייכלזאָן ; אויב אַזוי דאַרף מען אַריינרופן דעם ד"ר איכזועלבסט
פון קראָקע. ד"ר איכזועלבסט!!! ד"ר איכזועלבסט פון קראָקע!

וואַקסמאַן (פאַר זיך): ס'האָט מיך גוט געטראָפן. כ'בין דאָ גוט
אַריינגעפאַלן.

שטיינבערג (קומט אַריין דערזעט וואַקסמאַנען) ; ווי קום איך שוין
פון דאַנען אַרויס. (הויך) איר רופט מיך?

בייכלזאָן ; מיר האָבן דאָ אייער קוזין — ד"ר איכזועלבסט פון
לעמבערג. כאַ, כאַ.

שטיינבערג }
וואַקסמאַן } דאָס איז גאָרנישט ד"ר איכזועלבסט.

בייכלזאָן , אוי, דאָקטאָרן! וואָס דאָקטאָרן זענען — כ'קוק בלויז
אויף זיי, באַקום איך שוין אַפּעטיט צום עסן. בלויז פון
קוקן. פ ע ל י ק ס! עפּעס עסן הייס אַריינברענגען! אַ קאַטש־
קעלע, לאָקשן מיט יויך. נאָר קודם־כל אַ ביסל קאָניאַק
האַ, דאָקטאָרן! וואָס מער איז אַלץ בעסער.

וואַקסמאַן ; פאַרשטייט זיך.

שטיינבערג : פאַרשטענדלעך.

בייכלזאָן: ביז מ'וועט אַריינברענגען עפּעס צו עסן, מיין איך, אַז די ביידע דאָקטאָרן זאָלן אפשר אָפּהאַלטן אַ שטיקל קאָנ־סוליום וועגן קראַנקן.

וואַקסמאַן: איך וויל אייך זאָגן...

שטיינבערג: איך וויל אייך באַמערקן...

בייכלזאָן: נו, נו, ס'מאַכט נישט אויס, ס'איז נישט צו פרי. וואָס פריער אַלץ בעסער. כעכעכע... אָט מיינע הערן דאָקטאָרן, קוקט מיר דעם פולס. (טוען עס) וואָס מיינע הערן, בין איך אַזוי קראַנק? ווי גאָט איז אייך ליב, זאָגט מיר דעם אמת?

שטיינבערג: ניין, פאַרקערט, איר זענט געזונט.

בייכלזאָן: וואָס בין איך, געזונט?

שטיינבערג: ס'הייסט נישט אינגאַנצן.

וואַקסמאַן: ס'הייסט אינגאַנצן, נישט.

שטיינבערג: מ'קען זאָגן איר זענט, הים...

וואַקסמאַן איר זענט קען מען זאָגן, הים... הים...

בייכלזאָן: וואָס פאַרא סימפּטאָמען באַמערקט איר?

שטיינבערג: איך ווייס שוין וואָס אייך פעלט. איר האָט מיין איך... נו, כ'פאַרשרייב אייך שוין אַ רעצעפּט.

וואַקסמאַן: איר גייט פאַרשרייבן און איך האָב דעם הער בייכלזאָנס קרענק דאָ אויף דער האַנט. איך מאַך שוין די מעדיצין.

בייכלזאָן: אָבער הערן דאָקטאָרן, אַזוי שנעל האָט איר שוין פעסטגעשטעלט דעם דיאַגנאָז פון מיין קרענק? אפשר וואָלט איר זיך צוערשט באַראַטן?

וואַקסמאַן: זייט רויק, נישט נייטיק.

שטיינבערג: נישט נייטיק, זייט רויק.

(ביידע מאַכן די רעצעפּטן)

בייכלזאָן: אפשר שטער איך אייך קען איך אַרויסגיין.

וואַקסמאַן: אָבער ווער זאָגט עס אייך.

שטיינבערג: אָבער וואָס פאַלט אייך איין.

בייכלזאָן: מיינע הערן! איך לייג אייך פאָר, אויב איר ווילט נישט איך זאָל וויסן ווי געפערלעך קראַנק איך בין, קענט איר רעדן צווישן זיך לאַטייניש. איך פאַרשטיי נישט קיין וואָרט לאַטיין.

וואַקסמאַן: איך אויך נישט.

שטיינבערג: איך אודאי נישט.

בייכלזאָן: וואָס?

וואַקסמאַן: כ'מיין, מיין קאָלעגע וועט רעדן און איך וועל אים ענטפערן.

שטיינבערג: מיין קאָלעגע קען לאַטיין ווי אַ וואַסער.

וואַקסמאַן: אַלזאָ רעדט איך וועל אייך ענטפערן.

בייכלזאָן: נו, רעדט דאָך מיינע הערן.

וואַקסמאַן (אַפּאַרט): אפנים פאַרפאַלן (הויך) דעזאָ שאָטעזאָ עזאָ גראָזאָ בעהעמעזאָ. עזאָ בעזאָ בעדעזאָ — אַ פאָרציאַנוס ריצאָנעלעזאָס.

בייכלזאָן: ריציניילעזאָס!

שטיינבערג (זייטיק): וואָס רעדט ער? (הויך) נודניקאָס כאָלע־ריקאָס. שיקים אין באָדעזאָס. געבעמעזאָס אַ פאָפּלעקציאַס.

בייכלזאָן (מיט אַ וויינעדיקן קול): אַ פאָפּלעקציאַס!.. אַ פאָ־פּלעקציאַס!.. אַ פאָפּלעקציאַס!..

שטיינבערג: אַנטשולדיקט, הער בייכלזאָן. איך וואָלט אייך גע־בעטן אונדז לאָזן אַליין אויף עטלעכע מינוט...

(ביידע פירן אים ביז פאַר דער טיר)

בייכלזאָן: בין איך באמת אַזוי געפערלעך קראַנק? אַפּאָפּלעקציאַס.. אַפּאָפּלעקציאַס.

וואַקסמאַן: איך זאָג אייך אַז נישט.

שטיינבערג: איך גיב אייך מיין ערן וואָרט.

(ביידע קערן זיך אום)

בייכלזאָן: אָבער זיכער? זיכער? (טרינקט אומבאַמערקט אויס
אַ העלפט פון גלאָז מיט די מעדעצינען. אָפּ)

וואַקסמאַן: וואָס פאַרא טאָטערן-שפּראַך האָט איר מיט מיר
גערעדט?

שטיינבערג: און איר הער לאַטיינער זענט מיט אייער לשון פון
האַנאָלוּלוּ געקומען?

וואַקסמאַן: אָבער כאָטש ס,איז מיר שווער אייך צו זאָגן, מוז
איך זיך מודה זיין אַז איך בין נישט...

שטיינבערג: איר אויך נישט?

וואַקסמאַן: און איר אויך נישט? (צעלאַכן זיך).

פעליקס (קומט זייטיק אַריין, טרינקט אויס די צווייטע העלפט פון
גלאָז. אָפּ)

שטיינבערג: אָדער צוליב וואָס זענט איר דאָ אַהערגעקומען אַלס
דאָקטאָר?

וואַקסמאַן: אייגנטלעך וויל איך אייך דאָס פרעגן. נאָר פאַר אַלעם
(שטעלט זיך פאָר) אַדאָלף וואַקסמאַן. אונזער פּאַציענט איז
מיינער אַ פעטער. מיינע עלטערן זענען מיט אים פון לאַנגע
יאָרן ברוגז: זיי ווילן זיך מיט אים איבערבעטן, איז קומענדיק
אַהער האָט מיך דער דינער גערופן ד"ר איכזעלבסט — טאָ
זאָל זיין ד"ר איכזעלבסט. און איר וואָס טוט דאָ?

שטיינבערג: איך האָב זיך פאַראיאָרן באַקענט מיט אייער קוזינע
און איר פאָטער וויל נאָר אַ דאָקטאָר פאַר אַן איידעם,
האָב איך זיך פאָרגעשטעלט פאַר אַ דאָקטאָר, איר פאַרשטייט?

וואַקסלאַז: איך פאַרשטיי... מיין קראַנקער פעטער,—ווער קען אים
נישט... אָבער יעצט דאַרף מען וויסן ווי אַזוי ווייטער צו
האַנדלען.

שטיינבערג: איך מיין, אַז אַמבעסטן וואָלט זיין מיר זאָלן זאָגן

איינער, פאַרקערט פון צווייטן. צום בייספּיל: איך זאָג, יאָ
עסן. זאָגט איר...

וואַקסמאַן: נישט עסן. זאָג איך, נישט טרונקען, זאָגט איר...

שטיינבערג: יאָ טרונקען, טרונקען, טרונקען! וואָס מער טרונקען.
(ביידע לאַכן)

וואַקסמאַן: איר הערט, קוים טרונקט ער אויס מיין מעדיצין —
בין איך אים נישט מקנא... אַלע פּראָשקעס פון זיין אַפּטייקל
האָב איך אַריינגעשיט.

שטיינבערג: און איך האָב אויף דער רעצעפּט, אָנגעשריבן, מיין
צוואה.

וואַקסמאַן: ס'איז מיר שויז אַלצאיינס. איך גיי אַרויס באַטראַכטן
מיין פעטערס נחלאות.

שטיינבערג: איך גיי אויך. כ'וועל אויפזוכן מיין ראָזאַ. (ביידע אָפּ)
(בייכלזאָן און פעליקס קומען אָן פון צוויי באַזונדערע טירן,
קרעכצנדיק)

בייכלזאָן: אוי, די רעצעפּט!..

פעליקס: אוי, די „מעלעצין"!..

(ראָזע קומט אַריין)

ראָזע: (דערשראָקן, טראָגט אונטער איין שטול פאַר ביידן): זיצט,
זעצט אייך!..

(ביידע רוקן זיך אינטערווײלעכץ צו דער שטול, טרעפן זיך מיט די
רוקנס, פאַלן אין באַזודערע זייטן).

בייכלזאָן (אויפהייבנדיק זיך): וואָס האָט מיר געפעלט?..

פעליקס (זעצט זיך אין אַ ווינקל): ווער איז צו מיר געווען
גלייך?.. (ראָזע אָפּ)

בייכלזאָן: כ'האָב דאָך געקענט אַלץ עסן...

פעליקס: ווי אַזוי וועל איך יעצט קענען שלאָפן...

בייכלזאָן (שפּרינגט אויף): ס׳שיסט!.. (כאַפּט זיך פאַרן בויך.
ס׳פּליקט!.. ס׳ברענט!..

פעליקס: אוי, אַ צעפּעלין!..

בייכלזאָן: ווו?

פעליקס: באַ מיר אין בויך.

בייכלזאָן: פעליקס! קום נאָר אַהער!

פעליקס: איך קען נישט.

בייכלזאָן: איך בין שוין געשטאָרבן.

פעליקס: ברוך דיין אמת..

בייכלזאָן: וואָס זאָגסטו?..

(ד״ר איכזועלבסט קומט אַריין, פאַרנייגט זיך).

בייכלזאָן: פעליקס! זע נאָר ווער איז עס דאָרט?

פעליקס (שלעפּט זיך צו, שלוקערצט): ווער זענט איר?

ד״ר איכזועלבסט (שטעלט זיך פאָר): ד״ר איכזועלבסט פון קראָקע.

בייכלזאָן: ווער זענט איר

פעליקס: ווער זענט איר?

ד״ר איכזועלבסט: איר הערט דען נישט? — דאָקטאָר איכזועלבסט פון קראָקע!

בייכלזאָן (ווילד): פעליקס!!! ווארף אים אַרויס!

ד״ר איכזועלבסט: איך בעט אייך, זיך צו רעכענען מיט די ווערטער!

בייכלזאָן: איך לאַך פון דיר, אַרויס פון מיין שטוב:

ד״ר איכזועלבסט: ווו בין איך דאָ אַריינגעפאַלן? אין אַ משוגעים הויז?

בייכלזאָן: פעליקס! האַלט אים צו.

פעליקס (כאַפּט אַרויס פון טישל אַ רעוואָלווער): שיסן?..שיסן?

בייכלזאָן: שיס!!! איינמאָל פאַר אַלעמאָל, שיס אויס אַלע דאָקטאָרן.

פעליקס (צילט אָנגעשטרענגט אויפן דאָקטאָר): באַלט, באַלט...
ס׳גייט נישט.

ד״ר איכזועלבעסט: פּאָליציי!.. ראַטעוועט!!!

שטיינבערג, וואַקסמאַן, ראָזע, לויפט אַריין; באַ אַ שטאַרקן טומל
(פאַלט ראַשיק די פאָרהאַנג)

פרייז 1.20 זל.

Księgarnia i Wydawnictwo
M. GOLDFARB
Warszawa Franciszkańska 15.
P. K. O. 15.849

Druk. E. Lichtenpacht Warszawa Kupiecka 3